ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קב הישר
# וילך

אידיש

**852**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק ק'

## • וילך •

### אין דעם פרק ווערט ערקלערט:

די גוטע מעלה פון תמימות. - פאַרוואָס מען טאָר נישט אַדורכגיין פאַר אַ מענטש וואָס דאַוונט שמונה עשרה, און אויך נישט צו שטיין אונטער דעם רבין ביים דאַווענען. - דער סוד פון דעם מאמר חז״ל אַז דער אויבערשטער האָט נישט אין זיין וועלט נאָר די פיר איילן פון הלכה. - די וויכטיגקייט פון משא ומתן באמונה. - דער עיקר איז די אויפפירונג פון אַ מענטש אין ענינים פון געלט, און אַ מעשה דערויף פון זוהר. - אַן אזהרה נישט מאריך צו זיין ביים דאַווענען מער ווי דער ציבור.

# ארחות חיים להרא"ש ז"ל

לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ ועיניו על כל דרכי איש ובוחן לב וחוקר כליות כי מי שאינו מאמין אשר הוצאתיך מארץ מצרים אף באנכי ה' אלקיך אינו מאמין ואין זה יחוד שלם

כי זה הוא סגולת ישראל על כל העמים,

וזה יסוד כל התורה כולה.

# אינהאלט
## פון פרק ק'

א. אין דעם פרק ווערט ערקלערט: דאָס די מדה פון תמימות איז די בעסטע מעלה און מדה פון אַלע מעלות און מדות טובות.......ה
ב. דער וואָס איז אַ תם און איז אַ מושלם אין ריכטיגע מדות, דעמאָלטס ווען זיין נשמה גייט אַרויס פון גוף, איז ער זוכה צו זיצן אין דעם אוהל תורה פון הימל.......ה
ג. דער גרויסער פגם וואָס עס געשעט ווען דער מענטש איז מפסיק און שטעלט זיך אַוועק קעגן אַ מענטש וואָס דאַווענט שמונה-עשרה אין זיינע פיר איילן.......ו
ד. ווי ווייט מען זאָל זיין געוואָרנט צו דאַווענען מיט כוונה.......ו
ה. אַ גרויסער איסור צו מאריך זיין - צו פאַרברענגען לאַנג ביים דאַווענען פאַרן עמוד.......ז

❖ ❖ ❖

# אוצר של יראת שמים

**ב. כי אם את ה' אלוקיכם תיראו והוא יציל אתכם מיד כל אויביכם (מלכים ב' יז, לט) - העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול - במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל**

**הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות כמ"ש (סוטה יא:), בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה (קב הישר פ' פ"ב) וכמ"ש אשה יראת ה' היא תתהלל (משלי לא, ל).**

**העצה הוא:** ללמוד ולומר ולהכניס בלבו כל יום פסוקי ועניני יראת שמים, שמצווה לירא את ה' הנכבד והנורא היא אחת מתרי"ג מצוות והיא מצווה תדירית, שבכל עת רגע שיזכור ליראה את ה' מקיים מצוה דאורייתא, (פלא יועץ), ועיקר המצווה הוא לפחד מן העונש, שעי"ז יסור מן הרעה. ועי"ז שאנחנו נכניס בלבנו אהבתו ויראתו יתברך שמו, כמו שאנחנו מתפללים בכל יום, ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך, עי"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במידה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש. כמו שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (חובת הלבבות פ"ד). וראה מ"ש באורחות חיים להרא"ש, "לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית, ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ, ועיניו על כל דרכי איש, ובוחן לב וחוקר כליות – וזה יסוד כל התורה כולה. ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו, ותן חלקינו בתורתך, **ושם נעבדך ביראה** כימי עולם וכשנים קדמוניות"

**דע! אפילו אם יש לך תורה ומעשים טובים, אם אין לך יראת שמים לא שוה כלום ליום הדין. אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:). יא).**

1. את אלוקים אני ירא (בראשית מב, יח).
2. ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקיך (דברים י', יב, קב הישר פרק צ').
3. ליראה את ה' אלוקינו כל הימים לחיותינו כהיום הזה (דברים ו' כד).
4. את ה' אלוקיך תירה אותו תעבוד ובו תדבק (דברים י' כ).
5. מי יתן והיה לבבם זה ליראה אותי כל הימים (דברים ה' כו).
6. יראת ה' היא אוצרו (ישעי' לג, ו, ברכות לג:).
7. ראשית חכמה יראת ה' (תהלים קיא, י').
8. סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי (קיט, קכ).
9. סוף דבר הכל נשמע את האלוקים ירא ואת מצוותיו שמור כי זה כל האדם (קהלת יב, יג).
10. אמר רבא בשעה שמכניסין האדם לדין אומרים לו נשאת ונתת באמונה, קבעת עיתים לתורה, עסקת בפרי' ורבי', ..צפית לישועה..אפילו הכי אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:).
11. אמר רבי יהודה לא ברא הקב"ה את עולמו אלא בשביל שהבריות יראו מלפניו (שבת לא:).
12. אין לו להקב"ה בעולמו אלא יראת שמים בלבד (שבת לא:).

**נא לפרסם הידיעה הזאת בכל העולם כולו, בבתי בתי מדרשים, בישיבות ובבתי ספר לחינוך לבנות ובכל בית ובית. וכל המזכה את הרבים זוכה לבנים צדיקים, וניצל מכל גזירות קשות.**

# פרק ק׳

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: די מדה פון תמימות איז די בעסטע מעלה און מדה פון אַלע מעלות און מדות טובות**

**א. תָּמִים** תִּהְיֶה עִם ה׳ אֱלֹהֶיךָ (דברים יח, יג). זאָלסט וויסן אַז די מדה פון תמימות איז די בעסטע מעלה פון אַלע מעלות, און די בעסטע מדה וואָס דער מענטש דאַרף זי האָבן ביי זיך. דעריבער איז יעקב אָבינו געלויבט געוואָרן מיט דער מדה: (בראשית כה, כז): ״ויעקב איש תם יושב אהלים״.

**דער וואָס איז אַ תם און איז אַ מושלם אין ריכטיגע מדות, דעמאָלטס ווען זיין נשמה גייט אַרויס פון גוף, איז ער זוכה צו זיצן אין דעם אוהל תורה פון הימל**

**ב. והאמת,** און דער אמת איז, אַז דער וואָס איז אַן עניו און האָט אַ חסרון וואָס ער יאָגט זיך נאָך געלט, אָדער זיין נפש גלוסט צו טאָן עבירות, דער איז נישט גאַנץ מיט זיינע מעשים, און אַזאַ מענטש איז גלייך צו אַ שיינע כלי וואָס אין איר איז פאַרהאַן פיל פגימות און פיל ברוכן. אָבער דער וואָס איז אַ תם און איז אַ מושלם אין ריכטיגע מדות, דעמאָלטס ווען זיין נשמה גייט אַרויס פון גוף, איז ער זוכה צו זיצן אין דעם אוהל תורה פון הימל.

**ג. וכשם,** און וויבאַלד אַז מיט דער מדה פון תמימות איז ער כולל אַלע ריכטיקע מדות. אַזוי אויך רוהט אויף אים תמיד די אויבערשטע קדושה. און ווען ער איז עוסק אין תורה אָדער ער טוט מצות, איז פיר איילן אַרום אים פאַראַן די גאַנצקייט פון קדושה און זיין שכר איז זייער גרויס.

### דער גרויסער פגם וואָס עס געשענט ווען דער מענטש איז מפסיק און שטעלט זיך אַוועק קעגן אַ מענטש וואָס דאַוונט שמונה-עשרה אין זיינע פיר איילן

**ד. כדאיתא,** ווי עס שטייט אין זוהר, פרשת חיי שרה (דף קלב, ע״א) עס איז באַוואוסט וואָס אונזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט, אַז גאָט ברוך-הוא האָט מער נישט אין זיין וועלט נאָר די פיר אותיות פון דעם שם אַדני, וואָס ער ווערט גערופן שכינה קדישא. דעריבער הייבן מיר אָן פאַרן דאַוונען (אֲדֹנָי שְׂפָתַי תִּפְתָּח), מיר מיינען מיט דעם, אַז די שכינה זאָל מקבל זיין אונזער תפלה, ווי זי איז מקבל תפלות פון די אידן. און דורך דעם ווערט פאַרשטאַנען דער גרויסער פגם וואָס עס געשענט ווען דער מענטש איז מפסיק און שטעלט זיך אַוועק קעגן אַ מענטש וואָס דאַוונט שמונה-עשרה אין זיינע פיר איילן, און פאַרשטערט אים זיין כוונה דורך דעם, דאָס ווערט גערעכנט ווי ער וואָלט געמאַכט אַ צווישנשייד צווישן השם יתברך און זיין שכינה. אפילו אין דער זייט פונעם מתפלל, אין זיינע פיר איילן איז נישט גלייך אַזוי צו טאָן כאָטש מצד הדין מעג מען.

### ווי ווייט מען זאָל זיין געוואָרנט צו דאַוונען מיט כוונה

**ד. והטעם,** און דער טעם פאַרוואָס אַ מענטש טאָר נישט דאַוונען אונטער זיין רבין איז, ווייל אונזערע חכמים ז״ל זאָגן (פסחים כב, ע״ב) ״את ה׳ אלהיך תירא״ (דברים ו, יג) זאָלסט מורא האָבן פאַר השי״ת. דאָס קומט אונז לערנען, אַז פאַר אַ תלמיד-חכם דאַרף מען אויך מורא האָבן. אָבער, ווען אַ מענטש שטעלט זיך דאַוונען, זאָל נישט זיין אויף אים קיין אַנדערע מורא, נאָר די מורא פאַר השי״ת. פון דאָ זעהען מיר ווי ווייט מען זאָל זיין געוואָרנט צו דאַוונען מיט כוונה.

**ה. וזהו,** און דאָס איז דער עיקר גאַנצקייט פון מענטשן ער זאָל זיין באַגליבט מיט זיין וואָרט. ער זאָל נישט ענדערן זיין צוזאָג,

סיי אין מילי דשמיא - הימל זאַכן און סיי מילי דעלמא - וועלטלעכע זאַכן. שוין אָפגערעדט אין משא ומתן - געשעפט זאַכן. און זאָלסט זיך נישט צורירן צו נישט יושר׳דיג געלט, ווייל דער עיקר חסידות און תמימות איז געוואָנרן ווי אַזוי אַ מענטש פירט זיך געשעפטלעך, ווי מיר האָבן געשריבן אין קאַפּיטל נ״ב: דער וואָס וויל נישט הנאה האָבן פון נישט ערלעך געלט, דער ווערט אָנגערופן צדיק תמים.

## אַ גרויסער איסור צו מאריך זיין - צו פאַרברענגען לאַנג ביים דאַווענען פאַרן עמוד

**ו. וצריך,** אַ מענטש דאַרף זיין געוואָרנט, ווען ער דאַוונט פאַרן עמוד, אפילו ווען ער ווייסט מכוון צו זיין די כוונות פון דאַוונען אויפן וועג פון די מקובלים, פונדעסטוועגן איז אַ גרויסער איסור צו מאריך זיין - צו פאַרברענגען לאַנג ביים דאַווענען, נאָר ער זאָל דאַוונען מיט פירוש המילות - אויסטייטשן די ווערטער פון דאַווענען, ווי עס שרייבט דער ריב״ש אין זיין שאלות און תשובות ספר (סימן קנז): ״איך דאַוון ווי אַ קינד וואָס הייבט אָן צו דאַווענען. איך בין זיך אָבער משתדל צו פאַרשטיין די טייטש פון די ווערטער און נישט מער.

**ז. וראיה,** און ראיה צו דעם פון רבי עקיבא (ברכות לא, ע״א), אַז ווען ער האָט געדאַוונט מיטן ציבור, האָט ער אָנגעהויבן און אויסגעלאָזט גלייך ווי אַלע מענטשן. אָבער ווען ער האָט געדאַוונט פאַר זיך אַליין, דעמאָלטס, ווען אַ מענטש האָט אים געלאָזט אין איין ווינקל האָט ער אים געטראָפן אין צווייטן ווינקל.

**ח. וכל מי,** און יעדער מענטש וואָס האָט די מורא פאַר גאָט אין זיין האַרץ, זאָל ער זיין גאַנץ מיט השם יתברך. און זאָל זיין ריין פון גאָט ברוך הוא און פון מענטשן, כדי מענטשן זאָלן נישט זאָגן: דער מענטש איז אַ חסיד שוטה, ווייל ער דאַוונט אַזוי לאַנג, און וועט זיין אין כלל פון מחטיא את הרבים - נישט נאָר ער זינדיגט, נאָר מאַכט אויך אַנדערע זינדיקן - נאָר אין אַלע דיינע וועגן ווייס אים (השם

יתברך) און ער וועט אויסגלייכן דיין וועג און דעמאָלטס וועט דיר גוט זיין.

❖ ❖ ❖